„RADOMER-KIELCER LEBEN" №18 (106) „Należytość pocztową uiszczono ryczałtem" יאהרגאנג דריטער פרייז 25 גראשען

# ראדאמער-קעלצער לעבען

הײנט 10 זײטען.

אדרעסען

פון „ראדאמער קעלצער לעבען"

אין ראדאם

Redakcja i Administracja

„Radomer Kielcer Leben"

Radom, Szwarlikowska 20.

אין קעלץ

Redakcja i Administracja

„Radomer-Kielcer Leben"

Kelce, Staro-Warszawska 34.

אנאנסען פרײזן!

איין מילימעטער שורה: פאר'ן טעקס 20 גר.

„ „ אין „ 40 „

„ „ נאכ'ן „ 18 „

די ערשטע זייט ענטהאלט 8 שפאלטען

אין טעקסט אין לעצטע זייט 4 „

30-go Kwietnia — פאר'ן אינהאלט און טעקסט פון די אנאנסען איז די רעדאקציע נישט פעראנטווארטליך — ראדאם פרייטאג ט"ז אייר תרפ"ו

צו דער התונה פון אונזער ליבען זוהן לייבל טענענבוים מיט פרל' בראניא מיגוס יוצאס קומט פאר אין פאריז זונטאג ל"ג בעומר ווינשען מיר א הערציגען מזל טוב און א גליקליך צופרידען לעבען.

עלטערן יוסף און פייגה טענענבוים.

ראדאם אייר תרפ"ו.

צו דער פערלאבונג פון יחיאל גאלדבערג אויס ראדאם מיט פרל' גוניא ווילטשיק אויס סטשעקאטשין ווינשען א גליקליכען צוזאמענבונד און א הערליכע צוקונפט.

הערשיל גאלדבערג, קריש גוטמאן, בייניש פישמאן, משה מילערמאן.

פאריגען פרייטאג צו נאכטס האב איך פערלוירען א פארטפעל מיט דאקומענטען ווי אויך א פאספארט אויפן נאמען B. Herszenstraus איך בעט דעם ערליכען פינדער מיר אבצוגעבען די דאקומענטען אויף דעם אדרעס J. Herszenstraus Rynek 9. געגען בעלוינונג.

מיט אכטונג ב. הערשענסטרויס.

BANK KUPIECKI w Kielcach

Spółdz. z ogr. odp. ul. Wesoła 22.

די קאאפעראטיווע סוחרים-באנק

ערלעדיגט אלערליי באנק-אפעראציעס פינקטליך און צו מעסיגע פרייזען, צאהלט די איינקאסירטע געלדער אין דעם זעלבען טאג און נעמט אויך אן ווקלאדען פון די קלענסטע סומען אויף שפארביכלעך.

אונזער טיפסטען מיטגעפיהל דריקען מיר אויס אונזער חבר

דוד באליצקי צום טויט פון זיין פאטער

שמואל אבא נ"ע

אלימלך פרזישוסקי, פנחס ראזענקראנץ, משה טענענבוים.

BANK KUPIECKI w RADOMIU

Spółdz. z ogr. odp. plac 3-go maja 5 telef. № 14.

די קאאפעראטיווע סוחרים-באנק נעמט אן וקלאדען פון די קלענסטע סומען אויף שפאר-ביכלעך, ערלעדיגט אלערליי באנק-אפעראציעס פינקטליך און צו מעסיגע פרייזען, צאלט אויס די איינקאסירטע געלדער אין דעמזעלבען טאג.

אכטונג! שניידער-מייסטער אכטונג!

דערמיט מאכען מיר בעקאנט אלע שניידער - מייסטער אין ראדאם אז דינסטאג דעם 4|1 7 אזייגער אווענד וועט פארקומען אין לאקאל פון האנדווערקער - קלוב וואלאוויא 59

א מאסען = פערזאמלונג

וועגען גרינדען א קאאפעראטיוו — קומט מאסענהאפט.

די פערוואלטונג

פון שניידער-מייסטער פעראיין

אין ראדאם.

פאהר געזונד!

מיר ווינשען א פאהר געזונד און א גליקליכע רייזע אונזער לאנגיעהריגען בעל קורא מאיר ווייסמאן צו זיין אבפאהרען קיין קאנאדע, יעדער איינער פון אונזער הבריה ווינשט איהם א גליקליכע צוקונפט אין נייעם לאנד.

אין נאמען פון די מתפללים פון ווארשאווסקא 21

דער גבאי אברהם פרידמאן.

צו דער פערלאבינג פון אונזער פריינד ישראל בערקמאן מיט פרל' מאניא געגנטיס ווינשען מיר א הערצליכען מזל טוב, זייער שיקזאל זאל בליהען ווי די שענסטע בלום.

מאריץ והאן עט פרוי.

הריני מברך בברכת מזל טוב את רעתי הנכבדה מרת שרה איזמן לרגלי ארושיה עם בחירה הנכבד מר יצחק פשדנבק בארץ ישראל תהי דרכם החדשה בחיים צלחה ועושר ואושר יהיו מנת חלקם נצח.

אלימלך זעליגער.

אכטונג מיטגלידער פון האנטווערקער קלוב!

זונטאג דעם 2 — טען מאי 6½ נאך מיטוג וועט פארקומען

א אויסערגעוועהנליך אלגעמיינע פערזאמלונג פון די מיטגלידער

אויף וועלכע עס וועט בעטראכט ווערען איינינע וויכטיגע פראגען.

קומט מאסענווייז!

איינער זאל דערמאנען דעם צווייטען

KINO „CORSO" w RADOMIU.

פון דאנערשטאג דעם 29--טען ה. ח. אן א הערליך בילד מיט

הארי ללאיד

א. נ.

GRUNT NIE PRZEJMOWAĆ SIĘ.

Nad Program: DETEKTYW w SPÓDNICY

Anons od poniedziałku *Gdy mężowie zdradzają*

לען פון ראט און פערוואלטונג, וועלכע האבען געגעבען פאלגענדען רעזולטאט: אין ראט זענען געוועהלט געווארען די ה"ה י. גאלדשיידער, א. ראזענבלום, וולאשטשאווסקי, סקוירקי, אָרבאראנעק און אין דער פערוואלטונג ה"ה: גוטמאן, בלומענפעלד. פערטרעטער: א. לעווי און גרינבלאט. נאכ'ן אויסגאנג פון די וואהלען, זענען נאך אריינגעפלאסען געווארען פערשידענע פארשלאגען און האלב איינס א זייגער ביי נאכט האט ד"ר פלעשלער געשלאסען די פערזאמלונג.

ס'איז כדאי צו בעמערקען, אז דורך דער גאנצער צייט פון דער באנק—עקזיסטענץ איז נאך קיינמאהל נישט געווען אזא שטאַרקע פעראינטערעסירונג ווי דאס לעצטע מאהל. ס'האט נישט ווייניג געפעהלט צו דער גאנצער צאָל 1000 מיטגלידער.

א בעזונדערען הארציגען דאנק האָט בעקומען, ה' ד"ר פלעשלער, פאר זיין ענערגישער ארבייט, וועמען די פערזאמעלטע האָבען איינגעאָרדענט א שטורמישע אָוואציע.

## א דרייסטער באַנדיט.

דעם מאָנטאג ווען דער זוהן פון דעם היגען סוחר א. גאלדבלום (באדזינטשינער) האט געדארפט איינצאהלען געלד אויף דער פאסט און געווארט אויף זיין ריהע מיט דעם געלד אין דער האַנד איז צו איהם צוגעלאָפען א אונבעקאָנטער יונגערמאן, ארויסגעריסען פון איהם דאס געלד און אנגעהויבען אנטלויפען. צויפן געשריי פון נעל טענעם האבען די אנוועזענדע אויף דער פאסט זיך געלאָזט נאך דעם דרייסטען גנב און איהם פערהאלטען די ארומיגע פאליציי האט דעם יונגערמאָן אַרויפגעפיהרט אין קאָמיסאריאַט וואו עס האָט זיך ארויסגעוויזען דאס דער גנב איז ערשט מיט א טאג פריהער בעפרייט געווארען פון תפיסה.

## א אימפאָזאנטע לויה.

פרייטאג דעם 16 ה' ח. איז נאך קורצע און שווערע ליידען געשטארבען אין עלטער פון 85 יאהר די פרוי לאה רייזמאן נ. ע. די מוטער פון פרעזעס פון דער קהלה-פערוואלטונג ה' י. מ. רייזמאן. איהר אבצוגעבען דעם לעצטען כבוד זענען געקומען א גרויסער עולם. מטלתה ומשמנה פון דער אידישער אינטעליגענץ און אויך אַ גרויסער עולם פון דער חסיד'ישער קלאַס. דער אָרדנונג איז געווען אַ מוסטערהאפטע און די לויה איז געווען זעהר אימפאָזאנט.

תנצב"ה.

## דער ציוניסטישער חודש אין קעלץ.

צוגלייך מיט אלע אנדערע שטעדט און שטעדטלעך אין פוילען ווערט אויך אין אונזער שטאדט אָדורכגעפיהרט דער ציוניסטישע חודש מיט גרויס ערפאָלג.

אנגעהויבען האָט זיך דער חודש מיט 2 גרויסע ציוניסטישע פאלקס-מיטינגען.

זונטאג דעם 25 ה. ח. איז אין זאָל „ארפעאָום" פארקומען דער ערשטער ציוניסטישער מיטינג א. ד. ט. „דער ציוניזם רופט".

כארז. ה' ד"ר עאָטין האָט געעפענט דעם מיטינג, האט ערקלערט די בעדייטונג פון דעם מיטינג, האט בעגריסט די פארשטעהער פון צ. ק. רעדאקטאר העפטמאָן און א. צייטלין גענעראל-סעקרעטאר פון דעם צ. ק. אין פוילען און דאס ערשטער ווארט האט בעקומען ה' העפטמאָן, וועלכער האָט געהאָלטען א אינהאלטס-רייכען רעפעראט.

דאס צווייטע ווארט האט בעקומען ה' צייטלין, וועלכע האט געמאמט אַ זעהר א גוטען איינדריק. ביידע רעפעראטען האבען ארויסגערופען גרויס בעגייסטערונג ביי אלע פערזאמעלטע.

מאנטאג דעם 26|4 איז אין לאָקאל פון יודישען האנדווערקער-פעראיין אַ דאנק דער איניציאטיוו פון „הנוער הציוני" פארגעקומען אַ ציוניסט־שער יוגענד מיטינג מיט דער בעטייליגונג פון רעדאקטאר העפטמאן, אַ. צייטלין, ה. מ' מאָשקאָוויץ, און ד. ראזענבערג. די רעפעראטען האָבען געמאכט אַ געהעריגען איינדרוק.

ס'איז צו האָפען, אז דער ציוניסטישער חודש, אַ דאנק דער ארבייט פון ציוניסטישען קאמיטעט און „הנוער הציוני" וועט געקרויט ווערען מיט'ן גרעסטען ערפאָלג.

צו אַלע אונזערע ג. אַבאָנענטען און לעזער אין קעלץ.

דערמיט זענען מיר מודיע אלע אַנאָנסען-געבער, אַז אַלע חשבונות פאר אַנאָנסען, בעקאַנטמאַכונגען, מודעות, נעקראָלאָגען, גראטולאַציעס אין אונזער צייטונג, ווערען נאר ערלעדיגט דורכן ה' מ. רובינשטיין.

אדמיניסטראַציע

„ראדאָמער-קעלצער לעבען"

אנ'אויפפאדערונג

דעם ה' אַהרן יוסף מאָשקאָוויטש

אינהאַבער פון

Spółdzielczy Bank Handlowy

w Kielcach, ul. Sienkiewicza № 25

דערמיט פאָדער איך אייך אויף אין משך פון 3 טאָג צו געהן מיט מיר צו אנ'עהרען—געריכט פאר אייער ברוטאַלער האנדלונג געגען מיר דעם 22-טען ד. ח. בעת מיין מאָהנען אייך דעם חוב, וועלכען אייער שותף, ווי אויך דאָס פערסאָנאַל האָט מיר אנערקענט, און ביי וואס איהר האָט זיך אויפגעדריקט מיט זידלערייען, שלאָגען און דראָהען מיט שיסען.

אין געגענפאַל טרעט איך ארויס געריכטליך, און פאר די געהעריגע קאָנסעקווענצען וועט איהר זיין פעראַנטוואָרטליך.

מיט אכטונג אַליעזר גאָלדבערג קעלץ.

ווידער קומט אריין צו מיר אַ שכנ'טע, א צרה'דיגע יודענע, באַרגען זיך א גלעזעל זאַלץ, די דאזיגע יודענע האט שטענדיג ליב יעדען איינעם צו קריכען מיט איהרע פערבלאָטיקדיגע שיך יענעם אין האַרצען אַריין און גיט בעת מעשה מיינע א פרעג: – הא וואס האבען זי עפ"ס אָפגענומען איהנס טאכטער פון דער שולע? אוי כ'לעבען א שאָד – מאכט זי מכלומרשט אזא טרויריג מינעלע – און אזוי גיט געלערענט זיך — אזא פאסקודנע פאלק, זענען זיי שוין די ווייבער, אַלעס דארפען זיי וויסען און געהט'ס דערצעהלטס זיי למשל, פארוואָס איך האָב אָפגענומען מיין טאכטער פון דער שולע. אדער פארוואס איך האב פערדינגען די לעצטע שטוב א סוב-לאָקאטאר, צי פאר וואס איך פאהר נישט אויף קיין דאטשע, אין דערנאך זאל זיי קענען ארום לויפען און יעדען דערצעהלען און יענער זאל מאכען אַ געביך און עס זאל מיר קיינער נישט וועלען באַרגען אַ פאר זלאָטעס א גמולת-חסד, און גלויב מיר, ליבער ברודער, ווען די זאלסט וויסען ווי שווער מיר קומט אָן די צו שרייבען נאך געלד, מילא וואס זאל איך טהון, וואס כ'האָב געהאט האָב איך שוין אַלעס פערקויפט, כ'האב נאך זאגאר פון די גוטע צייט אין שטוב שטעהן א קלאַוויר, מיין טאכטער גרימפעלט אויף איהר אַ ביסעל, דער קאָפ שטעהט מיר נישט דערצו, כ'וואלט איהר שוין לאנג געווען פערקויפט, כ'וואָלט געקריגען א שעהנע פאַר הונדערט זלאָטעס, פאר איהר, נור אויך די אייגענע מעשה, די שכנים, די שכנים, וואס וועלען זיי זאגען, ס'וועט באַלד ווערען א קלאַנג אין דער שטאדט, אַז איך שלמה זלמן, האב פערקויפט די קלאוויר און וואס איינער וועט וועלען וועט ער זאגען, אז איך וואלט זיך געדארפט און זיך אַ מעשה אויטהון.

און היינט זשע פערשטעהסטו מיך שוין, ליבער ברודער, וואס מיר געהט אַזוי אין לעבען, אז מיינע זאל פאהרען אויף דאטשע... מעהר קיין נייעס צו שרייבען, אין קעלץ איז אַלעס ווי געוועזען, כ'ווייס כ'וואלט געווען אַ עזות פנים וואלט איך זיך אפשר ערגיץ אריינגעדרעהט, געווארען אויך א קהל-פערזארגער...

דערווייל בלייב מיר געזונד און שטארק, און גריס דיין ווייב און קינדערלעך. פון מיר דיין ברודער שלמה זלמן, וואס ווינטשט דיר פיעל גוט'ס.

אויפגעכאפט און איבערגעגעבען צום דרוק דורך. מ. חושך.

# הערען און דאמען!

פערלאנגט נאר די בעסטע שוה - פאסטע

# „MARY“

ווער ס'האט איינמאל פראבירט האט זיך איבערצייגט, אז די בעסטע שוה-פאסטע איז נאר

## „MARY“

וואס מאכט בעקוועם און ווייך די לעדער און פארשאפט א הערליכען שפיגעל-גלאנץ.

Fabryka przetworów techno-chemicznych
„MARY“ Warszawa (Sielce) Zajączkowska 9. tel. 419 69.



# יעדע ווירטין דארף וויסען,

אז די מאשטש צו פאדלאגעס.

„JAŚNIEJ SŁOŃCA“ איז צו די פאדלאגעס, פאטאצקעס און לינאלעאום א שיינע און לאנגדויער-האפטיגען גלאנץ און באנוצן זיך מיט בערשטען.

# „Jaśniej Słońca“

פערטרעט אייל-פארב, פארבט ווייסע פאדלאגעס אין פערלויף פון א שעה אויף די פארבען:

מאכאגאניאווע און טינקעל ארזשעכאווע

פראבירט און איהר וועט זיך איבערצייגען!

פערקויף אין אלע סקלאד-אפטעקשנעס, זייף און פארב געשעפטען.

Fabryka przetworów techno-chemicznych
„MARY“ Warszawa, (Sielce) Zajączkowska 9 Tel. 419.6


מיר דריקען אויס אונזער טיפסטען מיטגעפיהל דער פאמיליע באליצקי, צוליב'ן טויט פון זייער

## פאטער און מאן

זייט געטרייסט אין לאנד פון אונזער אויפלעבונג.

מלך שווארץ, חיים זיעלאני.

---

כ'דריק אויס מיין טיפסטען מיטגעפיהל דער פאמיליע באליצקי צוליב'ן טויט פון מיין פרינציפאל

## שמואל אבא

מ. קליינשטיין.

---

מיר דריקען אויס אונזער טיפסטען מיטגעפיהל דער פאמיליע באליצקי צוליב'ן טויט פון זייער פאטער און מאן

## שמואל אבא נ"ע

המקום ינחם אותם בתוך שאר אבלי ציון וירושלים.

פאמיליע לעבענשטיין.

---

הרינו משתתפים בצערו של חברנו מר י. מ. ריזמן יו"ר ועד הקהלה היהודית פה למות עליו אמו

## לאה נ"ע.

בעבודתו הנאמנה לטובת עמנו וארצנו ינוחם.

נחמיה קיזר ורעיתו.

---

מיין טיפסטען מיטגעפיהל דריק איך אויס דער פאמיליע באליצקי צוליב'ן טויט פון זייער פאטער

## שמואל אבא נ"ע

בתוך אבלי ציון וירושלים ינוחמו.

צבי מאשקאוויץ.


## האנדווערקער—קליינהענדלער און סוחרים!

היינט פרייטאג 8½ אזייגער אווענד וועט אין לאקאל פונ'ם האנדווערקער-קלוב וואלאווא 59 פאקומען א רעפעראט

פונ'ם יודיש — העברעאישען זשורנאליסט

## מ. קרימסקי — פון — ווארשא

אויף דאס טעמא:

## „וואוהין קאנען יודען עמיגרירען?“

פרטים אין די אפישען.





ווילט איהר האבען די שענסטע און מאדערנסטע צימער?

איז נאר צו קויפען מאבעל בייי דער בעקאנטער פירמא

## ש. שטיינמאן

ראדאם, לובלינער 21

צו בעדייטענד ביליגע פרייזען.

אלס ספעציאליסט וועלען צימער-מאפע-טירונגען אויסגעפירט שנעל, לויט די נייעסטע מאדע.


## בעקאנטמאכונג.

כ'מאך בעקאנט, אז כ'האב צוריק געעפענט מיין איבערשרייבונגס-ביורא אין מיין וואהנונג קאזא № 2. איך נעם אן פערשידענע ביורא-ארבייט, ערלעדיג שנעל און געוויסענהאפט צו ביליגע פרייזען.

מיט אכטונג: י. קלינגבייל קעלץ.


## Kino „CZARY“ w Kielcach.

פון 29—טען ה. ח. און ווערט געגעבען דאס הערליכע בילד

## „CZAR WALCA“ אין 10 גרויסע אקטען

אין די הויפט ראלען:

**Jady Christians, Xenia Desni, Willi Tritsch.**



## טעאטער פאלסקי קעלץ.

זונטאג דעם 2/5 טרעטען אויף צום ערשטען מאל אין קעלץ די בעריהמטע אפערען-ארטיסטען

## וואנדא וויעדמינסקא, יאן קיעפארא

אונטער דער אקאמפאנימענט פון בעריהמטען געוו. אפערען-דיריגענט

## יעקב הירשפעלד

דער פראגראם פון קאנצערט איז זעהר רייך!



## Kino „ODEON“ w Radomiu.

Od dnia 26 go kwietnia.

# NĘDZNICY

według słynnej powieści **Wiktora Hugo.**


Redaktor i Wydawca CH. M. Herc — Odbito we własnej drukarni Radom Szwarlikowska № 20.